# צוגעבונדן

## לאה ראָבינסאָן

אין איין פֿאַל זאָגט מען: "ס'איז אַ חובֿ אַ הייליקער."
מע דאַרף נאָכגיין פּוסטריט,
האַלטנדיק ס'מויל, און ווויל זיך צוהערן,
כּלומרשט מיט אַפּשײַ צו אַ "חכמה"-זאָגעכץ,
און קיין מאָל ניט, חלילה, טאָן קיין לאַך,
בפּרהסיא צי אין אַרבל ...
ס'האַרץ, געגנאַטעוועט,
לעכצט שרעקלעך נאָך דער פֿרײַ.
שווערינקע רגעס
טריפֿן אַראָפּ ווי זעמדלעך, ביז מע ווערט
גאַנץ שטיפֿעריש באַגראָבן,
ווי טאַטע-מאַמע פֿון אַ מזיק-קינד
וואָס לאָזט זיך געדולדיק מיטן זאַמד
פֿאַרהויפֿענען אויף אַ טוריסט-פּלאַזשע,
כאָטש ס'ווילט זיך זיי, באַשײַמפּערלעך, אַ שווים טאָן
אין קילן, פֿרײַען ים.

און דאָרט? ס'איז דאָך זייער אַנדערש,
נאָר דאָרטן ווער איך ווידער צוגעבונדן,
און מיט אַ פֿעסטערן שנור.
ווײַל דאָרט בין איך אַליין דאָס מזיק-קינד,
וואָס מעג אַ שטיף טאָן, נאָר מוז פֿריִער לערנען.
און כ'ווער אויך אויף אַן אמת שטאַרק פֿאַרכאַפּט,
גאָר אָן אַ ברעקעלע צבֿועסטווע;
ווײַל דאָרטן הייבן זיך די עכטע בערג
פֿון ווינטער-בלענדיקן פֿאַרשטאַנד,
וואָס מיניעט מיט טויזנט חנען,
נאָך מער ווי ליבע-משוגעת.
מחמת זייער שײַן,
און אַלע ווינקלען ווערט די וועלט באַלויכטן,
דאָך קען מען זיך צום מקור פֿון דער ליכט
קיין מאָל ניט דערנענטערן. ס'פֿעלט אויס
דאָס זאַמד, וואָס מע וואָלט איבער אים געגאַנגען.

צי דאָ, צי דאָרט, מעג מען ציטירן ס'פֿאָלקסליד:
"כ'בין צוגעבונדן, מאַמע, מיט אַ שטריקעלע..."

ס'ערשטע נודנע שטריקעלע, פֿון זאַמד,
האָב איך דאָך ביטער פֿײַנט,
ווײַל עס פֿאַרטויבט דאָס האַרץ און דאָס געוויסן.
דאָס צווייטע, גוטע שטריקל, פֿון פֿאַרשטאַנד,
וואָס איך האָב דווקא ליב, אי הײַנט אי אייביק,
טוט אויך, פֿון צײַט צו צײַט, אַ ביסל וויי;
נאָר איך פֿאַרגין עס אים. ס'איז מיר אַ גוטער-פֿרײַנד.

מאַרץ, 2000